בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' חקת

**כיתה ב' (א-ב)**

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** די ערשטע זעקס פסוקים פון אנהייב.

**הלכה:** מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מיט די מנהגים פון שבת און די ל"ט מלאכות.

**באגריפן:** מיר האבן ארומגערעדט אין די נושא פון "טהרה", מ'דארף אכטונג געבן און זיך אויסלערנען צו רעדן שיין, און אז מ'האט א ריינע מויל ווערט מען ריין פון אלע שלעכטע זאכן, און אזוי וועט מען פאלגן אלעס וואס דער אייבישטער האט געהייסן.

**סיפורים:** מיר שיקן די מעשה פון "דמא בן נתינה" וואס די קינדער זאלן ליינען.

לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

**ווער עס האט זיך נאכנישט איינגעמאלדן וויפיל קארטן**

**מ'דארף האבן אריינצוגיין ביי די ווייבער שוהל**

**צו די חומש סעודה**

**זאל זיך איינמעלדן ביז זונטאג הבעל"ט**

נ.ב. די הזמנות וואס מיר האבן געשיקט זענען נישט קיין קארטן

**א גוט שבת**

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

**פרה אדומה**

די מצוה פון פרה אדומה ווערט אנגערופן אין די תורה "זאת חוקת התורה" דאס איז טייטש אז ס'איז א חוק און ס'האט נישט קיין טעם, און מ'מאכט עס נאר ווייל דער אייבישטער האט אזוי געהייסן, און נישט ווייל מ'פארשטייט די טעם.

די דינים פון פרה אדומה: דריי זאכן דארף זיין ביי די רויטע קוה, 1) אז ס'זאל זיין אינגאנצן רויט, און אויב ס'האט אפילו נאר צוויי שווארצע האר איז עס פסול, 2) עס זאל נישט האבן קיין פעלער, אז אויב ס'פעלט עפעס א אבר וכדו' איז עס פסול, 3) אז ס'זאל נישט ארויף גיין אויף איר א לאסט, און אפילו זי האט געשלעפט נאר א קליינע לאסט איז עס שוין פסול, אבער אויב מ'האט געלייגט א "זאטעל", דאס מיינט א זאך וואס אויף דעם זיצט מען אויף די אייזל, דאס מעג מען לייגן, און ס'ווערט נישט פסול, און מ'קען איבערקוקן אויב עס איז ארויף א לאסט אויף איר, ווייל אונטער די קאפ איז דא צוויי שטייענדיגע האר, און אויב זי האט עפעס געשלעפט ווערן די צוויי האר ליגעדיג, און עס איז דא נאך א סימן אז אירע אויגן ווערט פארדרייט.

**מצותה בסגן**

וויבאלד די פרה אדומה איז מכפר אויף די חטא העגל, דעריבער האט אהרן הכהן נישט געקענט עס טוהן, וויבאלד ער האט געמאכט די עגל, און "אין קטיגור נעשה סניגור", מיר האבן עס מסביר געווען פאר די קינדער מיט א משל: אזוי א שטאט האט זיך פארזינדיגט פאר'ן קעניג און זיי ווילן שיקן א מתנה פאר'ן קעניג כדי אים איבער צו בעטן, דעמאלטס שיקן זיי נישט די מתנה מיט איינעם פון די שטאט'ס מענטשן, נאר זיי נעמען עפעס א פרעמדן מענטש זאל עס טראגן, ווייל מ'קען נישט בעטן פאר די מלך זאל מוחל זיין אויף די עבירה, דורך א מענטש וואס האט אויך געזינדיגט און האט געטוהן די עבירה. און אפילו אהרן הכהן האט נישט באמת געזינדיגט ווייל ער האט עס געמיינט לשם שמים, מיט דעם אלעם האט ער געהאט עפעס א קליינע חלק אין די עבירה, וועגן דעם האט דער אייבישטער געזאגט אז אהרן הכהן זאל זיך נישט באשעפטיגן מיט די מצוה פון פרה אדומה, נאר אלעזר דער סגן כהן גדול האט עס געטוהן.

דער כהן האט געשפריצט פון די בלוט פון די רויטע קוה זיבן מאל אקעגן די אוהל מועד, און נאכדעם האט מען פארברענט די גאנצע קוה און מ'האט אריינגעווארפן אין די פייער אויך א טענען האלץ מיט א גרינע גראז און א רויטע פאדעם כדי צו ווייזן פאר דער וואס איז טמא געווארן ווייל ער האט זיך געהאלטן גרויס אזוי ווי א טענען בוים אז כדי זיך צו רייניגן דארף ער זיך האלטן קליין ווי א גראז און ווי א פאדעם און אזוי וועט ער ווערן ריין.

## מי מריבה

אין די צייט וואס די אידן זענען געגאנגען אין מדבר האבן זיי געהאט וואסער וואס איז ארויס פון א שטיין אין זכות פון מרים, און עס איז אנגערופן געווארן "בארה של מרים", און ווען מרים הנביאה איז נפטר געווארן איז אוועק געגאנגען די ברין וואסער, און די אידן זענען געקומען מיט טענות פאר דער אייבישטער אז זיי ווילן טרינקען וואסער, און דער אייבישטער האט געהייסן פאר משה און אהרן זיי זאלן רעדן צו די שטיין אז עס זאל געבן וואסער, אבער משה רבינו האט געשלאגן די שטיין צוויי מאל און עס איז ארויס געגאנגען וואסער, און וועגן די עבירה זענען משה מיט אהרן געשטראפט געווארן אז זיי זענען נישט אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, ווייל וועגן זיי איז נישט ארויס געקומען קיין קידוש השם אז די אידן וואלטן געזעהן אז אפילו א שטיין פאלגט וואס דער אייבישטער האט געהייסן.

## פטירת אהרן הכהן

ווען די אידן זענען אנגעקומען קיין הר ההר האט דער אייבישטער געהייסן פאר אהרן הכהן ער זאל ארויפגעגאנגען אויפן בארג, און אהרן איז ארויף און ער האט זיך אראפ געלייגט אויף די בעט איז איז נפטר געווארן מיט א מיתת נשיקה, און די אידן האבן געוויינט אויף אים 30 טעג, און זיין זוהן אלעזר איז געווארן דער כהן גדול.

## נחש הנחושת

אין זכות פון אהרן הכהן איז געווען די וואלקענעס וואס האבן באשיצט אויף די אידן אין מדבר, און ווען אהרן הכהן איז נפטר געווארן זענען אוועק געגאנגען די וואלקענעס, און די אידן האבן זיך אפגערעדט און געזאגט פאר דער אייבישטער פארוואס האסטו אונז ארויסגענומען פון מצרים, און וועגן די עבירה זענען זיי געשטראפט געווארן אז דער אייבישטער האט געשיקט שלענג וואס האבן געביסן די אידן און זיי זענען געשטארבן, און די אידן האבן געשריגן צו דער אייבישטער, האט דער אייבישטער געהייסן מ'זאל מאכן א שלאנג פון קופער און ווער ס'האט געקוקט אויף די שלאנג און האט געמאכט תשובה איז אויסגעהיילט געווארן.

## נס הבאר

די אידן זענען אריבער אויפן וועג נעבן די גרעניץ פון אמורי צווישן צוויי בערג, ביי איין בארג איז געווען גרובער (מערות) און ביי די אנדערע איז געווען ארויסגעשטעקטע שטיינער, און אינצווישן איז געווען א טייך, און די אמוריים האבן זיך באהאלטן ביי די מערות כדי צו הארגענען די אידן און דער אייבישטער האט געמאכט א נס אז די צוויי בערג האבן זיך באהאפטן צוזאמען און די אלע אמוריים זענען געשטארבן פון די שפיציגע שטיינער וואס זענען אריין אין די גרובער, און זייער בלוט איז גערינען ביז די באר און די אידן האבן עס געזעהן האבן זיי פארשטאנען די נס און זיי האבן געזאגט שירה.

# שאלות מיט תשובות

**א. די מצוה פון פרה אדומה האט א טעם פארוואס מ'מאכט עס?**

ניין, עס האט נישט קיין שום טעם, עס איז נאר א חוק פון דער אייבישטער אן א טעם.

**ב. וועלכע דריי זאכן דארף זיין ביי א פרה אדומה?**

1) אז ס'זאל זיין אינגאנצן רויט, און אויב ס'האט אפילו נאר צוויי שווארצע הארט איז עס פסול.

2) עס זאל נישט האבן קיין פעלער, אז אויב ס'פעלט עפעס א אבר וכדו' איז עס פסול.

3) אז ס'זאל נישט ארויף גיין אויף איר א לאסט.

**ג. פארוואס האט אהרן נישט געקענט מקריב זיין די פרה אדומה?**

ווייל אין קטיגור נעשה קטיגור.

**ד. וועלכע מעשה האבן געברענגט פאר א משל אויף דעם?**

אזוי א שטאט האט זיך פארזינדיגט פאר'ן קעניג און זיי ווילן שיקן א מתנה פאר'ן קעניג כדי אים איבער צו בעטן, דעמאלטס שיקן זיי נישט די מתנה מיט איינעם פון די שטאט'ס מענטשן, נאר זיי נעמען עפעס א פרעמדן מענטש זאל עס טראגן, ווייל מ'קען נישט בעטן פאר די מלך זאל מוחל זיין אויף די עבירה, דורך א מענטש וואס האט אויך געזינדיגט און האט געטוהן די עבירה.

**ה. וויפיל מאל האט מען געשפריצט די בלוט?**

זיבן מאל.

**ו. פארוואס האט מען געברענגט א טענען האלץ?**

צו ווייזן אז ווייל ער האט זיך געהאלטן גרויס האט ער באקומען א שטראף און איז געווארן טמא, און ער דארף זיך קליין האלטן און נישט זיך גרויס האלטן.

**ז. ווי אזוי זעהט מען אז פרה אדומה מאכט ריין די טמא'נע מענטשן און ס'מאכט טמא די ריינע מענטשן?**

ווייל ס'מאכט טמא די וואס באשעפטיגן זיך מיט דעם, און עס מאכט ריין די טמא'נע מענטשן.

**ח. אין וועמענס זכות איז געווען פאר די אידן וואסער אין מדבר?**

אין זכות פון מרים הנביאה, און ווען מרים איז נפטר געווארן האט זיך אפגעהאקט די וואסער.

**ט. וואס איז געווען די טעות פון משה רבינו?**

אז אנשטאט צו רעדן צום שטיין האט ער געשלאגן די שטיין.

**י. פארוואס איז עס געווען אזא גרויסע עבירה?**

ווייל וועגן זיי איז נישט ארויס געקומען קיין קידוש השם אז די אידן וואלטן געזעהן אז אפילו א שטיין פאלגט וואס דער אייבישטער האט געהייסן.

**יא. וויפיל טעג האבן די אידן געוויינט אויף דעם וואס אהרן הכהן איז נפטר געווארן?**

דרייסיג טעג.

**יב. ווער איז געווארן כהן גדול נאך אהרן הכהן?**

זיין זוהן אלעזר.

**יג. אין וועמענס זכות איז געווען די וואלקענעס אין מדבר וואס האט באשיצט אויף די אידן?**

אין זכות פון אהרן הכהן.

**יד. און וואס איז געווען ווען די וואלקענעס זענען אוועק געגאנגען?**

די אידן האבן גערוואנט צו דער אייבישטער: פארוואס האסטו אונז ארויסגענומען פון מצרים.

**טו. וואס האט זיי דער אייבישטער געשטראפט אויף דעם?**

דער אייבישטער האט געברענגט שלענג וואס האט זיי געביסן און זיי זענען געשטארבן.

**טז. און ווי אזוי זענען זיי אויסגעהיילט געווארן?**

זיי האבן געקוקט אויף די שלאנג פון קופער און זיי האבן תשובה געטוהן און אזוי זענען זיי אויסגעהיילט געווארן.

**יז. וואס איז געווען צווישן די צוויי בערג?**

די אמוריים האבן זיך דארטן באהאלטן און זיי האבן געוואלט הארגענען די אידן.

**יח. און וואס איז געשעהן מיט זיי?**

דער אייבישטער האט געמאכט א נס אז די צוויי בערג האבן זיך באהאפטן צוזאמען און די אלע אמוריים זענען געשטארבן פון די שפיציגע שטיינער וואס זענען אריין אין די גרובער, און זייער בלוט איז גערינען ביז די באר און די אידן האבן עס געזעהן האבן זיי פארשטאנען די נס און זיי האבן געזאגט שירה.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ן**

**חומש:** ____________________________________________

**סיפר פרשת השבוע:** ________________________________

**שירים:** ____________________________________________

**נושא השבוע:** _____________________________________

**ברכת המזון:** _____________________________________

**התנהגות כללית:** __________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** _________________________________

**התפלל:** ___________________________________________

**הערות:** ___________________________________________

**חתימת ההורים** ______________________

צוריק שיקן זונטיג די "פארמעסט" און די "מעשה ביכל"